בעזרת השם יתברך

# דרשת כל נדרי

שנת תשפ"ב



**דְרָשַׁת כָּל נִדְרֵי, וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט לֵיל יוֹם הַקָדוֹשׁ, פַאר כָּל נִדְרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן:**

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (וַיִקְרָא טז, ל): "**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ**", דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּפּוּר, וָואס עֶר נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, אוּן אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א) זֶענֶען דָאס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל, צוּ אַ קֶענִיג וָואס וואוֹינְט אִין אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע פַּאלַאץ, אוּן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה בְּרֶענְגְט אַהִין זֵייעֶר מִיסְט, מֶען גִיסְט עֶס אוֹיס בַּיים טִיר פוּנֶעם קֶענִיג, אִין פָּארְנְט פוּן פַּאלַאץ, וֶוען דֶער קֶענִיג קוּמְט אַרוֹיס אוּן זֶעט דִי פִילֶע מִיסְט אִין פָארְנְט פוּן זַיין טִיר פְרֵיידְט עֶר זִיךְ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, [1]פִּירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס, יוֹם כִּפּוּר קוּמְט יֶעדֶער אֵיינֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין פֶּעקְל מִיסְט, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען גִיסְט עֶס אוֹיס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, פְרֵיידְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן אִיז אוּנְז מוֹחֵל.

**בֶּעטְן ווִי אַן אָרֶעמַאן**

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:): "**אָמַר רַבִּי יִצְחָק, כָּל שָׁנָה שֶׁרָשָׁה בִּתְחִלָּתָהּ**", יֶעדֶעס יָאר וָואס אִין אָנְהֵייבּ אִיז זִי פַארָאָרֶעמְט, "**מִתְעַשֶּׁרֶת בְּסוֹפָהּ**", וֶועט צוּם סוֹף זַיין רַייךְ, "**שֶׁנֶּאֱמַר** (דְבָרִים יא, יב): **מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה, מֵרֵשִׁית כְּתִיב**", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'מֵרֵשִׁית', וָואס אִיז פוּנֶעם לָשׁוֹן 'רָשׁ' - אָרֶעם, "**וְעַד אַחֲרִית - סוֹפָהּ שֶׁיֵּשׁ לָהּ אַחֲרִית**", צוּם סוֹף וֶועט זִי הָאבְּן אַ גוּטֶע סוֹף. אִיז רַשִׁ"י מַסְבִּיר, וָואס מֵיינְט אָנְהֵייבּ יָאר אִיז זִי אָרֶעם? "**שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין עַצְמָן רָשִׁין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה לְדַבֵּר תַּחֲנוּנִים וּתְפִלָּה**", אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער מַאכְן זִיךְ ווִי אַן אָרֶעמַאן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אַן אָרֶעמַאן וָואס שְׁטֵייט בַּיים טִיר אוּן בֶּעט מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן, עֶר דַארְף עֶסְן אוּן קְלֵיידוּנְג פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר דַארְף גֶעלְט צוּם לֶעבְּן וְכוּ', אַזוֹי בֶּעטְן דִי אִידְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין אַ רַייכֶע יָאר אוּן אַ גוּטֶע יָאר.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר אַלֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן; אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט קוּמֶען אוּן גֶעהַאט מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען, אִיז אוֹיךְ כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי 'עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה', יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין אִינֶעם הֵיילִיגְן נַאכְט יוֹם כִּפּוּר, אַז מִיר וֶועלְן אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אַן אָרֶעמַאן, וֶועט קוּמֶען אַ שֵׁיינֶע יָאר.

**וָואלְט עֶטְץ גֶעוֵויינְט פְּרִיעֶר...**

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע מָשָׁל, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ מְדִינָה וָואס הָאט פַארְלַאנְגְט גְרוֹיסֶע שְׁטֵייעֶרְן וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט אַרִיבֶּער פִירְן סְחוֹרָה פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן, אִיז בֵּייגֶעפַאלְן פַאר דִי שְׁטָאטְסְלַייט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַמְצָאָה אוֹיסְצוּפָאפְּן דִי טוֹיעֶר וֶועכְטֶער, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפִילְט אַלֶע זֵייעֶרֶע טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה אִין אַ קַאסְטְן, אוּן עֶס צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַ לַיילֶעךְ, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם גְרֶענִיץ הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי זֵיי פִירְן אַ נִפְטָר, וֶוען דִי וֶועכְטֶער הָאבְּן גֶעזֶען ווִי עֶס קוּמְט אַ אָרוֹן אוּן מֶען וֵויינְט, הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס דוּרְכְגֶעלָאזְט בְּשָׁלוֹם. אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁטִיק צַייט, מֶען הָאט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט דוּרְכְגֶעפִירְט סְחוֹרָה אוּן קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט. מִיט דִי צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְסְלַייט שׁוֹין גֶעוָוארְן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם, הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פַארְדֶעכְטִיגְט, בִּיז זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וֵויינֶען בִּשְׁעַתְ'ן דוּרְכְגֵיין דֶעם גְרֶענִיץ, אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ דִי וֶועכְטֶער גֶעכַאפְּט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לְוָיָ' וַוייל קֵיינֶער וֵויינְט דָאךְ נִישְׁט, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן אוּנְטֶערְזוּכְן דֶעם קַאסְטְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע דָא דֶערִין אַ נִפְטָר, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דֶעם קַאסְטְן הָאבְּן זֵיי גֶעכַאפְּט דֶעם גְרוֹיסְן שְׁווִינְדְל, אוּן זֵיי הָאבְּן יֶעדְן אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אוּן פַארְאוּרְטֵיילְט מִיט גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאפְן, הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאפְן, הָאבְּן דִי וֶועכְטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "**וָואלְט עֶטְץ גֶעוֵויינְט פְּרִיעֶר בִּשְׁעַתְ'ן דוּרְכְפִירְן דֶעם קַאסְטְן, וָואלְט עֶטְץ נִישְׁט גֶעדַארְפְט**

[1] דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: דֶעם מָשָׁל פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט אַזוֹי פוּנְקְטְלִיךְ, אָבֶּער דֶער נִמְשַׁל אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק.

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**יֶעצְט וֵויינֶען...״**

דָאס זָאגְט אוּנְז דִי גְמָרָא, אַ יָאר וָואס מֶען וֵויינְט פְרִיעֶר, מֶען בֶּעט אָנְהֵייבּ יָאר עֶס זָאל קוּמֶען אַ זִיסֶע יָאר, מֶען בֶּעט פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה, פַאר דִי חֲבֵרִים, אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל - וֶועט מֶען נִישְׁט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אָבֶער אַז מֶען וֵויינְט נִישְׁט אָנְהֵייבּ יָאר דֶעמָאלְט דַארְף מֶען וֵויינֶען שְׁפֶּעטֶער. לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הַיינְט אִינֶעם הֵיילִיגְן נַאכְט, כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, וֶועלְן מִיר נִישְׁט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ פַארְיָאר.

### יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט כֹּחַ

**מוֹרַי וְרַבּוֹתַי! טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער!** מִיר זֶענֶען דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע יָאר, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען הָאט לֵיידֶער גֶעהֶערְט יֶעדְן טָאג פְּרִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת, פְּרִישֶׁע טְרַאגֶעדִיעֶס, אוּן יֶעצְט שְׁטֵייעֶן מִיר כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת, הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אַ כֹּחַ אִין הִימְל אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּט יָאר, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ.) אִין אַ יָאר אִיז דָא דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג טֶעג, אוּן דָאס וָוארְט 'הַשָּׂטָן' בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן זֶעכְצִיג, וַוייל דֶער שָׂטָן אִיז מְקַטְרֵג אַ גַאנְץ יָאר אוֹיסֶער יוֹם כִּפּוּרִים; יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער מֶען אִיז, קֶען קוּמֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶענוּג גֶעלִיטְן״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף שׁוֹין אַלֶע אִידְן״.**

### עֶס אִיז דָא אֵיין מַשְׁקֶה

**טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער!** מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, אִיז אַ מִנְהָג אַז דֶער רָב גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן עָמוּד אוּן אִיז מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען דָא הַאלְטְן קַיין דְרָשׁוֹת, אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן צוּזַאמֶען מִיט עֶנְק, אוּן נָאכְמֶער פוּן עֶנְק, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מָשָׁל. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לַאנְד וָואס דִי גַאנְצֶע פָאלְק הָאט זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט פַארְ'ן קֶענִיג, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זֵיי גֶעוָואלְט בַּאשְׁטְרָאפְן, דָאס פָאלְק אִיז גֶעוֶוען דֶערְשְׁרָאקְן 'וִויאַזוֹי קֶענֶען מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם קֶענִיג?' בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶער שַׂר, אֵיינֶער פוּן דִי גֶענֶעַראלְן פוּנֶעם קֶענִיג, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאט פַארְזִינְדִיגְט פַארְ'ן קֶענִיג אוּן פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן פַּאלַאץ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: **״דֶער קֶענִיג הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא וָואס אִים צוּ גֶעבְּן, אָבֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים קֶענִיג אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס דֶער קֶענִיג הָאט לִיבּ, עֶס אִיז דָא אֵיין זַאךְ, אַ גֶעוִויסֶע גֶעטְרַאנְק, וָואס אִיז נִישְׁט דָא צוּ גֶעפִינֶען אִין דֶעם לַאנְד, מֶען דַארְף עֶס בְּרֶענְגֶען פוּן אַ וַוייטֶע מְדִינָה, דָאס הָאט דֶער קֶענִיג לִיבּ, אוֹיבּ וֶועט עֶטְץ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם גֶעטְרַאנְק וֶועט דֶער קֶענִיג עֶנְק זִיכֶער מוֹחֵל זַיין, מִיט דֶעם גֶעטְרַאנְק אִין דִי הַאנְט קֶענְט עֶטְץ בֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶטְץ ווִילְטְס״,** אוּן דֶער שַׂר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: **״אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק; וֶוען עֶטְץ גֵייטְס צוּם קֶענִיג מִיט דֶעם גוּטְן גֶעטְרַאנְק, אוּן דֶער קֶענִיג וֶועט עֶנְק פְרֶעגְן וֶוער הָאט עֶנְק אוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן דֶעם גֶעטְרַאנְק, זָאלְט עֶטְץ מִיר מַזְכִּיר זַיין אוּן זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶנְק אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם סוֹד וָואס דֶער קֶענִיג הָאט לִיבּ, אַזוֹי וֶועט מִיר דֶער קֶענִיג אוֹיךְ גוּטְס טוּן״.**

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעפִירְט: דֶער קֶענִיג דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר אַלֶע - אוּן אִיךְ אוֹיךְ - הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַ גַאנְץ יָאר, מִיר אַלֶע דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי אַלֶע גְזֵירוֹת פוּן אוּנְז, זָאג אִיךְ עֶנְק, עֶס אִיז דָא אֵיין מַשְׁקֶה וָואס דֶער קֶענִיג הָאט זֵייעֶר לִיבּ, דָאס זֶענֶען הֵייסֶע טְרֶערְן פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד. טְרֶערְן וַואשְׁט אִינְגַאנְצְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא עֲבֵירוֹת וָואס מֶען קֶען אוֹיף זֵיי נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר (וַיֵּשֶׁב קפח ע״א; וַיְחִי ריט.) אַז אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער אַז אַז מֶען נֶעמְט אַבִּיסְל פוּן דֶעם מַשְׁקֶה, אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קְרֶעכְצְט אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

### אַ חֵדֶר מְיֻחָד

אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵדֶר מְיֻחָד אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ חֵדֶר מְיֻחָד פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אוּנְטֶערְ'ן טַלִית אִיז אוֹיךְ אַ חֵדֶר מְיֻחָד, מֶען דֶעקְט זִיךְ אִיבֶּער דָאס פָּנִים מִיטְ'ן טַלִית אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ערה). וַוייל קֵיינֶער זֶעט דָאךְ נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, קֵיינֶער וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט, קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דֶער מַשְׁקֶה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ, אוּן אוֹיבּ בְּרֶענְגְט מֶען פוּן דֶעם פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אַלֶעס גוּטְס אוֹיסְבֶּעטְן.

### מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַ חָכָם

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ ווִיסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אָבֶער עֶס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ וֵוייסְט דָאךְ דֶעם אֱמֶת אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל״.**

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט צוּגֶעלֵייגְט: ״אִיךְ בִּין טַאקֶע אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ קֶען זָאג עֶנְק אוֹיס דֶעם סוֹד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, וִוי אַזוֹי מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אִיר זָאלְט זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוער הָאט עֶנְק אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם סוֹד, וֶוער הָאט עֶנְק מְעוֹרֵר גֶעוֶוען צוּ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אַ זְכוּת פַאר מִיר״.

**טַייעֶרֶע חֲבֵרִים! טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער! טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער!** מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, לָאמִיר בְּרֶענְגֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דֶעם מַשְׁקֶה, לָאזְן אַפָּאר טְרֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן מִיר פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

### אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**מוֹרַי וְרַבּוֹתַי!** מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: **״אוּם חוֹדֶשׁ אֶלוּל צִיטֶערְן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער״**, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: **״וִויפִיל דַארְפְן מִיר צִיטֶערְן אַז מִיר צִיטֶערְן נִישְׁט״**; מִיר זֶענֶען לֵיידֶער אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַזוֹי

צֶעבְּרָאכְן און אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן, מִיר שְׁפִּירְן נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן 'כָּל נִדְרֵי בַּייְנַאכְט' פוּן אַנְדֶערֶע נֶעכְט, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דָאס הַארְץ פוּן אַ אִיד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דָאס הַארְץ פוּן אַ אִיד, דַארְפְן מִיר נָאר זָאגְן כָאטְשׁ אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דָאס אָן.

### אַ נֵייעֶ וֶועלְט מִיט נֵייעֶ נִסְיוֹנוֹת

לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן, לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת; מִיר לֶעבְן הַיינְט אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט, עֶס אִיז נֵייעֶ צַייטְן, אַ נֵייעֶ וֶועלְט מִיט נֵייעֶ נִסְיוֹנוֹת, דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים הָאבְן שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין הַיינְט אָפְּגֶעהִיטְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין הַיינְט הֵיילִיג, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק און הָאבְן אַסַאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל אַלֵיינְס בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, און דִי קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, און דִי מִשְׁפָּחָה זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ. לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין - יֶעדֶער אֵיינֶער פַאר זִיךְ - אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

### דִי בֶּעבִּי סִיטֶער מִיט דִי בֶּעבִּי...

מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף יְשׁוּעוֹת, מִיר דַארְפְן אָבֶּער עֶפֶּעֶנְעֶן אוּנְזֶער הַארְץ; לָאמִיר אַבִּיסְל עֶפֶּעֶנְעֶן אוּנְזֶער הַארְץ, לָאמִיר מַאכְן אַ קְלֵיינֶע קַבָּלָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְן אַסַאךְ בְּרָכוֹת און אַלֶע מִינֵי יְשׁוּעוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל פוּן אֵיינֶער פוּן דִי הַיינְטִיגֶע מַגִידִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פָּארְפָאלְק וָואס זֵיי הָאבְן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, הָאבְן זֵיי גֶערוּפְן אַ מֵיידְל, אַ שְׁכֵנָה, זָאל בְּלַייבְן אִין שְׁטוּב אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דָאס קְלֵיין קִינְד, דִי מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בֶּעבִּי סִיטֶער: "**דָאס קִינְד הָאט יֶעצְט גֶעגֶעסְן, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְן אַ בָּאטִי** (קִינְדֶער בָּאטְל)", דִי מַאמֶע הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַ פֵיינֶע מִילְךְ בָּאטִי און אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חֲתוּנָה.

עֶס אִיז דוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט און דָאס קִינְד הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, הָאט דִי בֶּעבִּי סִיטֶער גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם בָּאטִי און עֶס גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד, זִי הָאט עֶס צוּגֶעלֵייגְט צוּ זַיין מוֹיל, אָבֶּער דָאס קִינְד הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען, זִי הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פַארְוָואס עֶר נֶעמְט עֶס נִישְׁט, עֶר הָאט וַוייטֶער בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט און גֶעוֵויינְט אָן אוֹיפְהֶער, דִי בֶּעבִּי סִיטֶער הָאט יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל צוּ גֶעבְן דֶעם בָּאטִי פַארְ'ן קִינְד, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען, זִי הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין אַ קֶערִידְזְשׁ (קִינְדֶער וֶועגֶעלֶע), און אִין אַ קְרִיבּ (קִינְדֶער בֶּעטְל), אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן - דָאס קִינְד וֵויינְט וַוייטֶער, דִי בֶּעבִּי סִיטֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט 'וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן וֵויינֶען?' זִי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט וֵויינֶען מִיטְ'ן קִינְד.

עֶנְדְלִיךְ קוּמֶען דִי עֶלְטֶערְן אַהֵיים, דִי מַאמֶע זֶעט וִוי דָאס קִינְד וֵויינְט גֶעפֶערְלִיךְ, פְרֶעגְט זִי דִי בֶּעבִּי סִיטֶער "**וָואס גֵייט פָאר?**" עֶנְטְפֶערְט זִי: "**אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ גֶעבְן דֶעם בָּאטִי עֶטְלִיכֶע מָאל, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען**", נֶעמְט דִי מַאמֶע דֶעם בָּאטִי און בַּאטְרַאכְט עֶס, בַּאמֶערְקְט דִי מַאמֶע אַז דִי בָּאטִי הָאט נִישְׁט קַיין לְעַכֵל צוּ טְרִינְקֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ נֵייעֶ בָּאטִי און מֶען הָאט פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן דֶעם קְלֵיינֶעם לָאךְ פוּן

וואוּ דִי מִילְךְ רִינְט אַרוֹיס, דֶערְפַאר וֵויינֶען בֵּיידֶע דִי בֶּעבִּי סִיטֶער מִיט דִי בֶּעבִּי...

הָאט עֶר זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעפִירְט; אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט און וֵויינְט, טָאר עֶר אָבֶּער נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם לֶעכְל וָואס עֶר דַארְף עֶפֶּעֶנְעֶן, עֶפְן דַיין הַארְץ, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין גוּט און עֶרְלִיךְ, וֶועל אִיךְ הָאבּ אַ גוּט יָאר**".

דָאס אִיז נִישְׁט אַ קַבָּלָה וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ צְוֵייטְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז צְוִוישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶער הָאט אַ אַנְדֶערֶע וֶועג אִין לֶעבְן, יֶעדֶער הַאלְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער יֶעדֶער זָאל זִיךְ מַאכְן עֶפֶּעס אַ קַבָּלָה טוֹבָה וָואס עֶר וֶועט פַארְעֶכְטְן.

### אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן?

לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן אוֹיפְ'ן עִיקָר, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט דֶעם מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּן מֶלֶךְ וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן פְּרָאסְטֶע דָארְפְסְלַייט, מִיט דִי צַייט הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן זַיין אָפְּשְׁטַאם און גֶעוָוארְן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי נִידְרִיגֶע לֶעבְן פוּן דִי פוֹיעֶרְן, אֵיין טָאג הָאט זַיין טַאטֶע - דֶער קֶענִיג, גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפְן אִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה: "**הַיינְט גֵייט דֶער קֶענִיג אַרוּמְגֵיין אִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה, יֶעדֶער קֶען קוּמֶען צוּם קֶענִיג בֶּעטְן אֵיין בַּקָשָׁה און דֶער קֶענִיג וֶועט אִים עֶס נָאכְגֶעבְן**", וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם דַארְף וואוּ זַיין זוּן אִיז גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט, און אַלֶע הָאבְן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי רֵייעֶ בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג זַיין בַּקָשָׁה הָאט זִיךְ דֶער 'בֶּן מֶלֶךְ' אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי רֵייעֶ, וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי רֵייעֶ פוּנֶעם 'בֶּן מֶלֶךְ', הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג אַ קְלֵיינִיגְקֵייט וָואס פֶעלְט אִים אוֹיס וִויכְטִיג, מֶען זָאל אִים גְרִינְגֶער מַאכְן זַיין לֶעבְן אִין דָארְף... הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר, זֶעעֶנְדִיג וִוי וַוייט זַיין זוּן אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ פַארְדְרֵייט גֶעוָוארְן, אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם עִיקָר, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג.

לָאמִיר נִישְׁט זַיין אַזוֹי וִוי יֶענֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אוּנְזֶער תְּפִיסָה; הַיינְט זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְיָאגְט און פַארְפְלָאגְט, מֶען אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען, מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן, מֶען אִיז פַארְ'חַלֶשְׁ'ט, בִּיז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען; עֶס אִיז דָא אַלְטֶע שׁוּלְ'ן וָואס מֶען עֶפְנְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּפּוּר, דִי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען נִישְׁט אִין שׁוּל אַ גַאנְץ יָאר, אוֹיסֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם כִּפּוּר, מֶען רוּפְט זֵיי 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִידְן', 'יוֹם כִּפּוּר אִידְן', אָבֶּער לֵיידֶער הַיינְט זֶענֶען דָא 'שַׁבָּת אִידְן', מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, לָאמִיר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר, "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף אִיךְ זָאל קוּמֶען אַ גַאנְץ יָאר אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַ 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיד', אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַ 'יוֹם כִּפּוּר אִיד', אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַ 'שַׁבָּת אִיד', אִיךְ וִויל יֶעדְן טָאג קוּמֶען אִין שׁוּל", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶפְן אוֹיף מַיין הַארְץ אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען**

**שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב״.**

### אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה

מֶען גֵייט יֶעצְט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אַרוּם גֵיין דִי בִּימָה, יֶעדֶער וֶועט אַרוּם נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, יֶעדֶער וֶועט קִישְׁן דִי תּוֹרָה, שְׁטֵייט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, מֶען זָאל אוֹיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן זָאגְן: ״**אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ גֵיי דִיךְ שׁוֹין לֶערְנֶען; אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא״, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען אַבִּיסְל דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה״.** לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג, עֶס נֶעמְט פִינְף מִינוּט, מִיט דֶעם גֶעבְּט מֶען עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי ׳כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵייְדט זַיין פָּנִים צוּ דִי וַוייבֶּער שׁוּל אוּן גֶעבֶּעטְן דִי פְרוֹיעֶן:

**״טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער, נֶעמְט עֶנְק פַאר זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין צְנִיעוּת׳דִיג, צוּ זַיין אֵיידְל; שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר, הַאלְט נִישְׁט צוּרִיק דִי גְאוּלָה, אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר וֶועט זַיין גוּט פַאר עֶנְק אוּן פַאר אַלֶע אִידְן״**, מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט אַז דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט מִיט גֶעוֵויינְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט: **״וֶועגְן אַבִּיסְל הָאר, הַאלְט מֶען צוּרִיק דִי גְאוּלָה!״**

### מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען נָאךְ אֵיין אִיד

שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר מִיר הַאלְטְן יֶעצְט אִינְמִיטְן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְטְס קְרִיג, אוּן מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען נָאךְ אֵיין אִיד, מֶען קֶען נָאךְ אֵיין אִיד אַרוֹיסְכַאפְּן פוּן דִי צֵיין אוּן נֶעגְל פוּן דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מִיכָאֵל בֶּער וֵוייסְמַאנְדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע אוּן גֶעוֵויינְט צוּ דִי אַמֶערִיקַאנֶער אִידְן: **״גֶעבְּט גֶעלְט, מֶען קֶען אוֹיסְקוֹיפְן פוּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם נָאךְ אַ אִיד! עֶס פָארְט יֶעדְן טָאג אַ בַּאן קַיין אוֹישְׁוִויץ, יֶעדְן טָאג וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט טוֹיזְנְטֶער אִידְן, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג מִיט אַפָּאר דָאלֶער צוּ רַאטֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע טְרַאנְסְפָּארְט, מֶען זָאל נִישְׁט שֶׁחְטְ׳ן אִידְן!״** הָאבְּן זֵיי גֶעלַאכְט פוּן אִים, אוּן גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, ״אִיךְ וִויל נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן, אִיךְ וִויל צוּרִיק אַהֵיים גֵיין פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן צוּזַאמֶען מִיט מַיינֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער״.

### אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי אוּן אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר וֶועט מֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת! קוּמְט אוֹיס, וֶועגְן אַבִּיסְל הָאר הַאלְט מֶען אָפּ אַזוֹיפִיל אִידְן פוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן מֶען וָואלְט שׁוֹין גֶעקֶענְט הַאלְטְן בַּיי דִי גְאוּלָה. לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט: **״אִיךְ וֶועל נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן מַיין בִּיסְל הָאר, אִיךְ וֶועל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר! אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת׳דִיג אוּן אֵיידְל!״**

### מֶען קֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן

**טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער!** זַייט מְחַזֵק עֶנְקֶערֶע וַוייבֶּער, הַיינְט דַארְף מֶען שׁוֹין רֶעדְן צוּ דִי אִינְגֶעלַייט, דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן עֶס מַחְשִׁיב זַיין, זֵיי זָאלְן עֶס אַרוֹיפְקוּקְן, עֶטְץ זָאלְט וִויסְן, עֶס לוֹינְט נִישְׁט! אִיךְ הָאבּ עֶס אַלֵיינְס גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ יְשׁוּעָה, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט: **״דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה; מִיטְ׳ן אַרָאפּ נֶעמֶען דִי הָאר קֶען מֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַחְלוֹת, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אָרֶעמְקֵייט, עֶס נֶעמְט אַוֶועק צָרוֹת״**, מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: **״מֶען קֶען אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דָאס בִּיסְל הָאר, אוּן מֶענְטְשְׁן וִוילְן דָאס נִישְׁט הֶערְן!״** מוֹהֲרָא״שׁ הָאט עֶס אַרוֹיס גֶעשְׁרִיגְן פוּן זַיין רֵיינֶע הַארְץ!

### זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידֶעלֶע מֶענְטְשְׁן

**טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער!** לָאמִיר מְחַזֵק זַיין אִין שְׁטוּבּ, לָאמִיר עֶס שֶׁעצְן, אוּן לָאמִיר רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, דִי קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן עֶס מַחְשִׁיב צוּ זַיין, מַחְשִׁיב זַיין אֵיידְלְקֵייט, לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אַרוֹיפְקוּקְן אֵיידְלְקֵייט. אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט טוּן אוּן דִי שָׁכֵן פִירְט זִיךְ אֵיידְל, זָאל מֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זֵיי, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעבֶּעכְדִיגֶע יָאנְטְשִׁי מֶענְטְשְׁן... פַארְקֶערְט, זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״**זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידֶעלֶע מֶענְטְשְׁן**״. אַז אִיךְ קֶען עֶס נָאכְנִישְׁט טוּן פַארְוָואס זָאל אִיךְ עֶס אַוֶועק מַאכְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן?!

### אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען

לָאמִיר אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): ״**דְרָחִים רַבָּנָן**״, דֶער וָואס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״**הֲוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן**״, דֶער וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״**דְמוֹקִיר רַבָּנָן**״, דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״**הֲוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן**״, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״**דְדָחִיל מֵרַבָּנָן**״, אוּן דֶער וָואס הָאט מוֹרָא פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, עֶר מַאכְט נִישְׁט חוֹזֶק פוּן צַדִיקִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן, ״**הוּא גוּפֵיהּ הֲוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן**״, וֶועט אַלֵיינְס וֶוערְן אַ צַדִיק, אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם.

וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס אַז מֶען שֶׁעצְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאט מֶען קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים? וַוייל קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף ׳**וָואס הָאט מַיין טַאטֶע לִיבּ**׳, ׳**וָואס וִויל מַיין טַאטֶע**׳, אַז דֶער טַאטֶע אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט בִּיזְנֶעס, וִוילְן דִי קִינְדֶער זַיין בִּיזְנֶעסְלַייט, אַז דֶער טַאטֶע הָאט לִיבּ עֲשִׁירִים, הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ לִיבּ עֲשִׁירִים, אָבֶּער אַז דֶער טַאטֶע הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, עֶר הָאט לִיבּ דִי תּוֹרָה, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ לֶערְנֶען אוּן וֶוערְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט; **טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער! טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער!** לָאמִיר זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער זָאל בֶּעטְן פַאר זִיךְ, אוּן אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אוּן אָנְנֶעמֶען אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, אוּן דִי תְּשׁוּבָה פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.